דעם
רב'ס טאָכטער

א העכסט שפאנענדיקער ראמאן פון דעם אידישן לעבן אין מיטל־אלטער

פון לעאן וויעזענפעלד

(פארזעצונג)

דעם פרינץ איז איצט איינגעפאלן, אז ארגוס קאן מעגלאך וויסן פון זיין געהיימניס, פון זיין ליבע צו חנה'לען, און אז פאר דערפאר דערלויבט ער זיך אים אזוי פרעך אריינצולאכן אין פנים און צו זאגן נביאות וועגן זיין קראנקהייט. ער איז געווארן א דערשראקענער און ער האט מורא געהאט, אז ער זאל איצט ניט דערציילן אלצדינג זיין מוטער. דאס וואלט פאר אים און פאר חנה'לען געווען דאס גרעסטע אומגליק, און ער האט דערפאר באלד באשלאסן דערצו ניט דערלאזן.

ער האט אבער געוואוסט אז דערווייל טאר ער ניט אננעמען קיין שום שטרייננגע מיטלען, און ער טאר ניט האנדלען אויף אזא אופן, אז די פרינצעסן זאל ווערן פארדעכטיקט. ער האט דערפאר אנגענומען א פריילאכע האלטונג און ער האט געזוכט די אלע רייד פון דעם הויף נאר צו פארוואנדלען אין א שפאס.

— זאג מיר, ארגוס, — האט דער פרינץ אים לאכנדיק געפרעגט, — פון וואנען קומען אזעלכע נאראנים ווי דו ביזט ? איך מיין, וואו ווערן זיי געבארן און פון וואנען וואקסן זיי ארויס ?

— פון וואנען ? — האט אים ארגוס טייפליש צוריקגעפרעגט — דו, — מיין הויכגעשעצטער פרינץ, דו ווילסט וויסן פון וואנען אזעלכע ווי איך וואקסן ארויס ?

— יא, איך וואלט געווען א בעלן צו וויסן פון וואנען עס נעמען זיך אזעלכע ווי דו . . . — האט דער פרינץ געענטפערט.

— איז דיר, מיין פרינץ, — האט ארגוס אין דעם זעלבן טייוולשן און גיסטיקן טאן אים ווייטער געפרעגט — איז דיר באקאנט וואו דער ערשטער פרינץ איז געבוירן געווארן ?

— וואס מיינסטו דערמיט ? — האט זיך די פרינצעסן אריינגעמישט.

— איך מיין, אייער האהייט, אז אזעלכע ווי איך קומען אויך פון דארטן, — האט ארגוס געענטפערט און ער האט דערביי ווידער געלאכט.

— איך פארשטיי דיך ניט, — האט די פרינצעסן געענטפערט.

— עס איז נישטא וואס צו פארשטיין אייער האהייט, — האט ארגוס ווייטער שעלמיש געענטפערט. — די געשיכטע איז איינפאך : נאראנים זיינען ארויסגעוואקסן פון פרינצן. צו ערשט איז ערגעץ וואו געבוירן געווארן איינער, וואס מען האט אים גערופן פרינץ, און באלד דערנאך איז פון אים ארויסגעשפרונגען א קליין נארעלע, און זייט דאמאלסט גייען פרינצן און נאראנים שטענדיק צוזאמען . . .

— אפטמאל פאלט מיר איין — האט דער פרינץ זיך אנגערופן — אז ארגוס איז גארניט קיין נאר. ער איז צו גיפטיק, צו ראפינירט אין פילע פון זיינע האנדלונגען און נאך מער אין זיינע רייד. זיינע איצטיקע ווערטער זיינען ניט קיין ווערטער פון א נאר, זיי זיינען גוט בארעכנט אויך, טייערע מוטער, און מיך צו באליידיקן, און דאס איז שוין געווים פיל מער ווי מיר קאנען זיך דערלויבן.

דער פרינץ, וועלכער האט גוט געקאנט זיין מוטער, און ער האט געוואוסט, אז זי איז עמפפינדלאך און שנעל זיך צו באליידיקן, האט מיט זיינע ווערטער געוואלט אויפרייצן איר צארן כדי זי זאל זיך ניט אריינלאזן מיט ארגוס'ן אין קיין ווייטערע געשפרעכן און זי זאל אים פארטרייבן פון זיין שלאף צימער.

די פרינצעסן איז איצט אבער געווען אזוי געקרענקט און באזארגט וועגן זיין קראנקהייט, אז זי האט אין דער אמת'ן גארניט פארשטאנען ארגוס'עס ווערטער און זי האט זיך אין זיי ניט אריינגעטראכט. זי האט געוואוסט, אז דער פרינץ פארמאגט ניט קיין גרויסע ליבע פאר איר הויף־נאר און דערפאר האבן איר אויך ניט געארט די ווערטער, וועלכע ער האט וועגן איר ארויסגעזאגט.

ארגוס אבער האט דעם פרינץ זייער גוט פארשטאנען. ער האט געוואוסט, אז דער פרינץ איז ביז איצט געווען דער ערשטער אין הויף וואס האט אים באגריפן, וואס האט אים פארשטאנען, אז ער איז ניט קיין נאר. אבער ער האט זיך דערפאר ניט געשראקן. דערווייל איז עס ער — האט ער זיך געטראכט — וואס איז פארליבט אין א אידישער מיידל, און ווען איך וועל דאס דערציילן זיין מוטער, וועט זיין, אז אך און וויי צו אים און צו זיין שיינער געליבטער.

זעענדיק אז זיינע ווערטער זיינען געבליבן אן א ווירקונג אויף דער פרינצעסן האט דער פרינץ געענדערט זיין האלטונג.

— מיין קאפ וועט מיר קיינמאל ניט אויפהערן וויי טאן, — האט ער געזאגט, — אויב איך וועל ניט האבן קיין רו. איך פארזיכער אייך, טייערע מוטער, אז איך וועל באלד ווידער פילן גוט, אבער איצט וואלט געווען אם בעסטן ווען איר וואלט מיר איבערלאזן אליין, ביז איך וועל ווידער צו זיך קומען.

— אבער דו האסט דאך מיר נאך ניט געזאגט, וואס מיט דיר איז, וואס דיר טוט וויי. ארגוס האט מיר פארשאפט פיל קרענקונג מיט זיין באמערקונג, און איך וואלט זייער געוואלט וויסן מער וועגן דיין קראנקהייט. וואס פאר א קראנקהייט איז דאס, ארגוס ? — האט זי זיך ווידער געווענדעט צו דעם הויף־נאר.

ארגוס האט צוגעווארפן דעם פרינץ א טריאומפירנדיקן בליק, ווי ער וואלט געזאגט : „נו, ווער פון אונז איז דער שטארקערער". ער האט אים פשוט געשטאכן מיט זיינע אויגן און עס האט געדויערט א מינוט איידער ער האט דער פרינצעסן געענטפערט אויף איר פראגע. אבער אויך דאן האט ער גערעדט לאנגזאם, ציענדיק מאדנע די ווערטער, כדי זיי זאלן ווי גיפטיקע פיילן טרעפן דעם פרינץ גלייך אין הארצן און זאלן אים אנטאן די גרעסטע יסורים.

— אייער האהייט ! — האט ער געזאגט — עס טוט מיר ווירקלאך לייד פון דעם גאנצן הארצן אייך אנצוזאגן די טרויעריקע בשורה, אז אונזער ליבער און גנעדיקער פרינץ איז אריינגעפאלן אין דער נעץ פון אזא קראנקהייט, וועלכע וועט אים אזוי שנעל ניט ארויסלאזן פון אירע הענט . . .

— אבער וואס פאר א קראנקהייט איז דאס ? — האט די פרינצעסן אומגעדולדיק געפרעגט. — אויב דו ווייסט וואס דאס איז, אזוי זאג עס מיר און הער אויף איצט צו טרייבן דיינע פוילע שטיק. איך בין איצט ניט אויפגעלייגט פאר דיינע נארישקייטן.

— דאס איז א קראנקהייט, הויכגעשעצטע פרינצעסן, — האט ער ווייטער געצווינגען די ווערטער, ניט אכטנדיק אויף דער אומגעדולד פון דער פרינצעסן, — וועלכע שוואכט אפ ניט בלויז איר קרבן, נאר וועלכע פרעסט זיך אויך אריין טיף, טיף, אין הארצן. זי האלט געשפאנט פאר א לאנגער, לאנגער צייט, און אמאל ווערט זי אויך כראניש און עס איז זיך אינגאנצן אוממעגלאך פון איר צו באפרייען . . .

דער פרינץ איז ניט געווען אזוי דורכגעטריבן צו פארשטיין געווייו וואהין דער הויף־נאר ארגוס צילט מיט זיינע ניט־קלארע ווערטער. ער האט אבער פארשטאנען, אז עפעס באהאלט הינטער זיי, א זעפעס וויל ער. דערפאר איז זיין אומרואיקייט געוואקסן פון מינוט צו מינוט און ביסלאכווייז האט ער אויך אנגעפאנגען צו פילן, אז ער ווערט אינגאנצן קאנטראלירט פון זיין באהאלטענעם כעס וועלכן ער וועט מער ניט קאנען לאנג איינהאלטן.

— שווייג, דו נאר ! — האט ער ענדלאך אויסגערופן מיט כעס און א פעסטן טאן. — שווייג ! איך וויל מער ניט הערן פון דיר קיין ווארט.

— אויב דו, מיין ליבער פרינץ פארשטייסט אז מען דארף שווייגן, — האט ארגוס איראניש געענטפערט, — נו, גוט ! נו וועל איך שווייגן, ווען מען דארף דאס . . . אויף דיין איבערגעבנסטן און אונטערטעניקסטן דינער, דעם הויף נאר ארגוס, קאן זיך זיין עקסעלענץ פארלאזן . . . מסתמא אז דו הייסט שווייגן, דארף דאך די פרינצעסן ניט וויסן אין וואס די קראנקהייט באשטייט ? נו גוט, איך וועל שווייגן!...

ווען די פרינצעסן וואלט זיך איצט ניט געפונען אין זיין צמער, וואלט דער צערייצטער פרינץ זיך זיכער געווען ארויפגעווארפן אויף דעם הויף־נאר ווי א טיגער און ער וואלט אים געווען צעריסן אויף שטיקער. אבער אוים רעספעקט צו זיין מוטער, האט ער געמוזט פארבייסן די ליפן און זיך לאזן באליידיקן פון דעם מענשן, וועלכען ער האט געהאסט ערגער ווי דעם טויט.

אין דער זעלבער צייט איז די פרינצעסן פון ארגוס לעצטע ווערטער נאך מער באאומרואיקט געווארן און זי האט איצט אין א שטרייגנן טאן אויפגעפאדערט דעם הויף נאר אז ער זאל פאר איר ניט באהאלטן קיין זאך, נאר ער זאל איר אלעס דערציילן. די קעגנערשאפט פון דעם פרינץ, האט זי ניט בלויז בארואיקט נאר, פארקערט, עס האט איר נאך מער גערייצט סיי איר זארג וועגן אים, און סיי איר נייגעריקייט צו וויסן וואס דער פרינץ האט עפעס אפגעטאן הינטער אירע פלייצעס. וואס עס האט אים אריינגעלייגט אין בעט א קראנקן, און דאס האט איינצייטיק געגעבן אירע הויף מענשן מאטעריאל וועגן אים ארומצוטראגן און פארשפרייטן רכילות.

די פארזיכערונג פון דעם פרינץ, אז אים פעלט קיין זאך ניט אויסער וואס ער ליידעט אויף א לייכטן קאפווייטאג, האט דער פרינצעסן ניט באוויזן די ריכטיקייט פון זיינע רייד. זי איז ווייטער באשטאנען אויף דעם, אז ארגוס זאל איר דערציילן אלעס וואס ער וויסט.

— רעד צו מיר ניט קיין האלבע ווערטער און באהאלט ניט דאס, וואס וואס דו האסט צו זאגן אונטער אומקלארע אנדייטונגען. — האט זי אים באפוילן. — אויב דו האסט ווירקלאך עפעס וואס צו זאגן, אזוי זאג דאס קלאר, קורץ און שארף, און הער מיך אויף צו מאטערן!

דער באפעל פון אייער האהייט איז ביי מיר א הייליקייט, — האט ארגוס געענטפערט מיט אונטערטעניקייט, האלטנדיק ווייטער זיינע שפאטישע אויגן אויף דעם פרינץ. — אויב אייער האהייט פארלאנגט, אזוי קומט מיר, אייער אונטערטעניקן דינער, ניט אוים מער ווי אייך אלץ צו זאגן . . .

— אבער צו וואס, טייערע מוטער, זאלט איר פארשוואכן אייער וויכטיקע צייט מיט צוהערן זיך צו די רייד פון א נאר ? איך פארזיכער אייך, אז מיר איז גארניט, און איך פיל זיך שוין איצט פיל בעסער. אזוי שנעל ווי איר וועט פארלאזן מיין בור דואר, וועל איך זיך אנטאן און איך וועל קומען אין שפייז זאל מיט אייך צוזאמען עסן.

(פארזעצונג קומט)

1 טאג
נ. פ. פארטנאי
מענעדזשער

געדיינקט ! אז מיר קאנען אייך געבן באדינונג אויב איר פארלאנגט. אין אלע אייערע — **דרייקלינינג אדער פארבן**
PERTH DYE WORKS LTD. 37 266

קאלגארי קאלגארי

קאלגאריער נאטיצן

מרס. ד. קריסטאל איז צוריקגעקומען פון לאס־אנדזשעלעס. מיט איר איז אויך געקומען איר פאטער, מר. . איראן פלארענס, פון לאס־אנדזשעלעס, פריער פון קאלגארי.

* * *

מר. און מרס. מ. וואגמאן, פון אקאטאקס, זיינען געווען אין קאלגארי ביים פיקניק פון דער פרץ שול.

* * *

מיס וואלעריע רועל, פון סעאטעל, איז אפגעפארן קיין בענף און לעיק לויס, צוזאמען מיט מר. און מרס. א. ס. הארוויץ.

* * *

מר. און מרס. קאפאנסקי און פאמיליע זיינען געווען אין קאלגארי אויפן וועג צו זייער היים אין עדמאנטאן.

* * *

מיס דזשעני גאפסקי האט לעצטנס געגעבן א „ברידזש פארטי" פאר אירע פריינט.

* * *

מר. דייוויד סטיין, פון וויניפעג, איז צו גאסט ביי זיין מומע, מרס. ה. קאהען.

* * *

דער ערשטער יערלאכער פיקניק פון דער פרץ שול, וואס איז אפגעהאלטן געווארן זונטאג, דעם 16טן אווגוסט, איז געווען א גרויסער דערפאלג.

א גוטע פראגראם פון ספארטס איז אראנזשירט געווארן פון מר. ל. פערלמאן און דער גאנצער אידישער יוגנט פון קאלגארי איז געגעבן געווארן א געלעגנהייט צו באטייליקן זיך אין אלע ספארטס אפטיילונגען.

פאלגנדע האבן געוואונען פרייזן : פערל סראלאוויטש, אסתר ליטשינסקי, סעם עפשטיין, סעם פאסטערניאק, דזשוליאוס באלשין, דזשארדזש עפשטיין, דזשעק באלשין, סארא יאפע, דזשעק קאצמאן, בען פערלמאן, מרס. טשארלס סוויטסער.

אינם בייזבאל קאנטעסט האבן די באי סקאוטס געוואונען פון די מאקאבייענס; א. צ. א. און פרץ אינסטיטוט טימס זיינען געווען די געווינער קעגן די יאנג דזשודעאנס און בני ברית.

145 דאלאר איז געשאפן געווארן דעם טאג פון דער צובייס ביידל און פארשיידענע פלעטן זיינען פארקויפט געווארן.

דער פיקניק קאמיטעט איז באשטאנען פון די פאלגנדע : מר. און מרס. סעם שיינין, מר. און מרס. אברהם בושייקין, מר. און מרס. י. ראגינסקי. מר. און מרס. א. פערלמאן, מרס. מ. שולמאן און מ. לעווינסאן און א. לעווין.

* * *

מיס מערי באלשין האט געגעבן א „ברידזש פארטי" אין דער היים פון אירע עלטערן מר. און מרס. באלשין. מרס. דזש. דובינסקי (דזשוניאר) און מיס פרידא גרעט האבן געוואונען די פרייזן.

עס זיינען אנוועזנד געווען : מרס. דזש. דוביסקי, די פריילינס עטא סימאנס, בעטי סימאנס, סוזי לאכטער, לאטי לעווינסאן, בעטי לעווין (וויניפעג). סארא פערלמוטער, ריטא שאפירא, ווירא שאפירא, מיני גערט, פרידא גערט, איידא אייזנשטאט (ראזבאוט, אלבערטא), פערל דייוויס, גאלדי דייוויס. מאלי לעווין און מיס שאלאמענקא.

נעמט אייערע פאטאס אין אונזער סטודיא
מיר פארזיכערן אייך ערשט־קלאסיקע ארבעט
Brewer Studio
איבער 20 יאר עקספיריענס.
114-8th Ave., E. Calgary, Alta.

JACKSON'S WELDING
בלעקסמיטינג
עלעקטריק און אסעטילין וועלדינג
816 NINTH AVE., W.
Phones: M1996—S0014
CALGARY ALBERTA

פאבליק סטענאגראפער
PHYLLIS POWELL
7 Bank of Toronto Bldg.
Phones:
Office M 3250 — Res. H 2688

EXCLUSIVE
HEMSTITCHING
306A 10 St., North W.
Phone L 2433
קאטאן און סילק 8¢ א יארד

JAMES MARR SR.
פלאמבינג, היטינג, געזפיטינג
237-12th Ave. E. Phone M2741
CALGARY

AUTO SERVICE
7th Ave. 8 St. W.
McIVOR BROS.
קאר גריזינג, וואשינג, פאלישינג גאזאלין, אויל, וועקום קלינינג, טייערס (אטלאס), אקסעסאריס און א. וו.

ספעציאליסטן אין אוטא באדים
מעטאל ארבעט, האלץ ארבעט, אפהאלסטערינג לאקירונג
Fisher Body Repair Co.
103 Twelfth Avenue East M7424

א פיינער פלייוואר פאר פיינערע געשמאקן
סערווירט
קאלגארי
דראי
דזשינדזשער איל
CALGARY BREWING & MALTING CO. LTD.

אין דער רייע נאך א גט

א בילדל פון מאסקווע

ביים מאסקווער אמט פאר חתונה רעגיסטראציע אויף דער ספירידאנאווקא האט געהערשט א גרויס געדראנג.

די פארלאך, וואס זיינען געקומען רעגיסטרירן זייער חתונה, האט דער באאמטער צוערשט אפגעפארטיקט. אלע וואס האבן נאך איצט געווארט, זיינען געקומען, מען זאל זיי אויסשטרייכן אין רעגיסטאר. זיי האבן זיך אויסגעשטעלט אין א רייע, וואס האט זיך געצויגן פון דער אריינגאנגס טיר, פון אמט צימער ביז צום טויער, און האט זיך דאן נאך פארגעזעצט אויף דער גאס, א פאר מעטער אין דער לייגג פונם הויז־פראנט.

— מען וואלט געקאנט מיינען — האט זיך אפגערופן א פרוי, וואס איז געשטאנען כמעט ביים סאמע סוף פון דער רייע, אז מען גיט דא ארוים צוקער אדער פוטער.

סך הכל זיינען עס געווען אפשר א דרייסיק מענשן, דערהויפט פרויען: אויף פינף אדער זעקס פרויען איז אויסגעקומען נאר איין מאנסביל.

איינער פון די מענער האט געזאגט : „א, זיי האבן דאס אלץ שוין זייער פראקטיש איינגעארדענט. למשל, וואס צו רעגיסטרירן מוזן קומען מאן און ווייב ווי אמאל. און צו א גט ברויכט צו קומען בלויז איינער. באזונדערס צוועקמעסיק איז דאס, וואס דער אנדערער צד מוז צומאל גארנישט וויסן וועגן דער גאנצער זאך. דער רעגיסטראציע באאמטער וועט מיין פרוי, וואס איז געפארן צו אירע עלטערן, שוין פארשטענדיקן וועגן אלעם דורך דער פאסט".

א קארפולענטע רויט־האריקע פרוי, וואס איז געשטאנען לעבן אים, האט ארויפגעצויגן די אויבערשטע ליפ, אזוי אז מען האט געזעען אירע רעגלמעסיקע פון רויך ברוין געווארענע ציין און האט זיך צעביקעט :

— איך מאך עס אויך תמיד אזוי. צו וואס רעדן וועגן דעם פריער ? ער דערוויסט זיך אמבאקוועמסטן דורך דער פאסט.

לעבן דער רויט־האריקער שטייט א קליינע, צארטע פרוי, פון אונטערן קאפ טיכל קוקט איר ארוים אויף דער שלייף א פאסמע פון אירע גלאטע בלאנדע האר. די צארטע פרוי איז בלייך און זי איז קוים איבער צוואנציק יאר אלט. זי הערט וואס די רויט־האריקע זאגט און בליקט צו איר ארויף אין דער הויך, ווי זי וואלט נישט וועלן פארלירן קיין איין ווארט פון איר חכמה און דערפארונג.

די רויטע לייגט איר ארויף די האנט אויפן אקסל.

— איר מאכט עס אוודע איצט צום ערשטן מאל חבר'טע ?

די צארטע ניקט מיטן קאפ אויף יא.

דאן פרעגט די רויטע :

— קינדער ?

די קליינע פארנייגט און בליקט צו דער ערד.

די רויטע :

— אבער טייבעלע, דאס איז זייער נישט געשיקט. אן קינדער — ברויכט ער דאך אייך העכסטנס איין יאר צו צאלן. דאס לוינט דאך נישט.

די צארטע :

— ער קאן נישט צאלן. ער האט נישט קיין ארבעט.

די רויטע : — און איר, חבר'טע ?

—איך ארבעט אין נארקאמטאר.

—אויב אזוי . . . אויב אזוי וועט איר נאך אפשר אים דארפן צאלן.

דארויף ענטפערט די צארטע מיט א דערהויבענעם ווייז־פינגער.

— אבער נישט לייגנער ווי א יאר.

די רויטע :

— יא, יא, וואס עס איז אלץ פאראן אויף דער וועלט ! די נייע געזעצן זיינען דאך דערצו, אז מען זאל זיי פארשטיין און מען זאל זיך ריכטן לויט זיי. איך האב קינדער פון דריי מענער. אלע דריי צאלן נאטירלאך ; נאר ביים פערטן... האבן מיר אין אנהויב נישט געהאט קיין וואוינונג, און ווען מער האבן שוין ענדלאך באקומען א וואוינונג, זיינען מיר שוין געווען אנטשלאסן זיך פאנאנדערצוגיין, איז שוין געווען צו שפעט. צוויי פון די קינדער זיינען נאך אין קינדער־גארטן. דאס עלטסטע גייט שוין אין דער שולע. אין אוונט האב איך אליין דריי אין דער היים. זוי לעבן גוט צווישן זיך, מאנכעס מאל קומט איינער פון די טאטעס אויף א באזוך.

— איר חבר'טע, איר זייט נאך יונג. איר וועט זיך דאס דאך אויסלערנען. און שיין זייט איר אויך, זעט נאר ווי דער, דארט קעגנאיבער, דער אין רעגנמאנטל, קוקט אייך אן. ער שטייט אויך אין דער רייע דארטן אויפן אונטערשטן טרעפל. ער זאל נישט זיין קיין שלאנג — רויב פויגל !

—א שלאנג ?

— אך, דאס ווייס זי אויך נישט ! דאס זיינען אזעלכע וואס קומען אהער אין די טעג, אין וועלכע דער ארדענונג איז אמערגסטן, און נישט חלילה, ווייל זיי האבן דא עפעס צו טאן, נאר ווייל זיי טרעפן דא אמבאקוועמסטן אומגליקלאכע פרויען. פארשטייט איר, חבר'טע ?

— געוויים פארשטיי איך. איך פארשטיי אלעס, אבער איך האב עס פריער ניט געוואוסט.

— און צו דעם אין רעגנמאנטל מאכט איר שוין אן אויגל. איר וועט נישט פארפאלן ווערן. אט זעט דעם חבר, וואס קומט ארוים פון אמטס־צימער. אין דער טיר האט איינער געווארט אויף אים און איצט . . . . יא איצט גייען זיי אוועק צוזאמען, ביידע אין דער פריילאכסטער שטימונג.

— מיינט איר, אז דער איז אויך אזא רויב־פויגל ?

— ניין, איך בין געשטאנען נישט ווייט פון זיי, ווען זיי האבן זיך פריער באקאנט צווישן זיך. עס קומען דא אויך צושטאנד דורך צופאל באקאנטשאפטן. יא, יא, דאס קומט אויך פאר.

— איר זעט אלעס און איר ווייסט אלעס.

— טייבעלע, איר דארפט הערן מער רעפעראטן וועגן דעם הייראטס־לעבן, כדי צו האבן א נוצן פון די געזעצן מוז מען זיי קאנען.

א גרויסער ברייט פלייציקער מאנסביל וואס האט זיך צוגעהערט צו די ביידע פרויען, רופט ער זיך אפ, מאכנדיק א האנט באוועגונג צו דער רויטער :

— און פאר אלעם מוז מען האבן איבונג, ווי איר חבר'טע.

די רויטע שרייט עפעס פלוצלונג אויס, און האלט זיך דערנאך צו דאס מויל, ווי אימיצער, וואס האט זיך אליין געכאפט, אז ער האט געמאכט א פעלער.

דער ברייט פלייציקער :

— וואס איז אייך, חבר'טע ? עס איז אייך נישט גוט ?

די רויטע : — אך, אך, אך ! מיר איז ערשט איינגעפאלן, אז איך האב געמאכט א גאנץ לעכערלאכע נארישקייט. איך בין דא, כדי מיך צו לאזן אויסשטרייכן, און . . . . איך האב פארגעסן, אז איך האב דאס מאל . . . אז מיר האבן זיך דאס מאל גארנישט געלאזט רעגיסטרירן. ניין, אזא נארישקייט ! ווי אזוי האב איך דאס געקאנט פארגעסן !

דער ברייט פלייציקער :

— איר האט טאקע צופיל איבונג.

בינו לבינו איז דער רעגנמאנטל געקומען נעענטער; האט זיך געוועקסלט מיט דער צארטער מיט א פאר ווערטער און האט געהאט בדעה אוועקצוגיין מיט איר; די צארטע, שוין הייננענדיק אין זיין ארעם, ווענדעט זיך נאך אמאל אום.

— דאס דא . . . דאס קאן איך אויך מארגן דערליידיקן. היינט געדויערט עס מיר צו לאנג. אז מיין מאן וועל איך זאגן, אז דער באאמטער פון דעם רעגיסטראר האט היינט געהאט זיין רו־טאג — ער וועט מיר שוין גלויבן . . . און אויב ער וועט מיר נישט גלויבן, זאל ער זיך מארגן אליין אוועקשטעלן, עס איז דאך זיין פונקט ווי מיינע.

דער ברייט פלייציקער לעבן דער רויט האריקער :

— און איר, חבר'טע, פארוואס שטייט איר נאך דא ? אויב איר זייט נישט רעגיסטרירט, קאנט איר דאך זיך נישט לאזן אויסשטרייכן.

די רויטע :

— איך וויל רעדן מיטן חבר פון רעגיסטראציע. איך וויל אים פרעגן וועגן מאנכע זאכן. מיט רעגיסטראציע און מיט קינדער — דא קאן איך שוין זייער גוט. דא דארף איך נישט קיין עצה. אבער דאס מאל — אן רעגיסטראציע און אן קינדער — דא, זעט איר, בין איך ניי, דא מוז איך נאך עפעס פרעגן.

— איר וואלט אויך היינט אין אוונט געקאנט גיין צו א פארטראג. נאכן פארטראג ענטפערט מען אויף פראגן.

— ניין, איך בין היינט אין אוונט נישט פריי. ניין, דאס וואס איר מיינט, היינט אין אוונט גיי איך מיט א צווייטן מאן אין קינא. יא, איך בין זיך מודה אז איך פריי זיך שוין אויפן אוונט. פעדיא איז געווען דער בעסטער, דער בעסטער פון אלע. אבער עס גייט אלעס אזוי שנעל . . . רעגיסטרירן, שטרייכן, רעגיסטרירן, שטרייכן . . . עס גייט אלעס אזוי לייכט און שנעל, אז מען איז שוין ביים צווייטן, ווען מען האט נאך גארנישט פארשטאנען, ווי גוט דער פאריקער איז געווען. יא — פעדיא איז געווען דער בעסטער פון אלע. איך האב עס ניט געוואוסט. איצט . . . . האט ער נאטירלאך אן אנדערע. — חבר, איך מוז פארט אוועקגיין. איך מוז גיין צו א פריינדין, וואס האט א גרינגע שאל . . . איך וויל די שאל בארגן אויפן אוונט. זי פאסט מיר אזוי גוט — אך, גאט, פארוואס גייט דאס אלעס אזוי שנעל און אזוי לייכט. אך גאט, ווען איך וואלט נאר ווידער געקראגן פעדיא'ן !

אפרים בוקוואלד ע"ה

ליבע און טייערע ווינגדער און ראכל, איך טרויער מיט אייך צוזאמען אויף דעם גרויסן אומגליק וואס האט אייך געטראפן. קיין ווערטער אייך צו טרייסטן האב איך ניט. גאט זאל אייך טרייסטן און זאל היילן אייערע טיף פארוואונדעטע הערצער און איר זאלט שוין מער פון קיין צער ניט וויסן.

דבורה פראסט
הירש, סאסק.

פעני ווייס ע"ה

צו אירע זין, ברידער און קרובים דריקן מיר אוים אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין דעם פארלוסט פון זייער ליבער יונגער מוטער און שוועסטער. מיר ווינשן אייך געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס.
הערי אקסלראד
1000 מיין סטריט

לוי וועסעל ע"ה

אונזער בעסטע פריינדן מרס. ווּעסעל, מיר באדויערן דעם פריצייטיקן טויט פון אייער בעסטן פריינט. מיר דריקן אוים אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו אייך און אייערע קינדער אין אייער גרויסן פארלוסט. המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מר. און מרס. מאגלאוו
און פאמיליע

יעקב שנור ע"ה

מיט געבויגענע קעפ שטייען מיר ביים פרישן קבר פון אונזער געוועזענעם נעטרייען פארשטארבענעם ברודער און מיר דריקן אוים אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו זיין פרוי און קינדער און צו דער גאנצער משפחה אין זייער־אונזער גרויסן פארלוסט. מיר וועלן שטענדיק היילאך האלטן זיין אנדיינק.

מיר ווינשן אייך אלעמען געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

ניקאלאיעווער
הילפס פאראיין

דריי גענגסטערס דערשאסן פון זייערע חברים

ניו־יארק, אווג. 25. — דריי באנדיטן זיינען דא אויסגעשטעלט געווארן פון מיטגלידער פון אן אנדער באנדע ביי א וואנט פון א שלאכט־הויז אין ברוקלין, און זיינען באשאסן געווארן מיט קוילן. איינער פון זיי איז געפאלן טויט, און צוויי זיינען קריטיש פארוואונדעט געווארן.

די פאליציי באהויפטעט, אז די באנדיטן האבן זיך באנוצט מיט א מאשין ביקס.

—(::)—

צאל געבורטן אין קאנאדע געפאלן

אטאווא, אנט., אווג. 24. — א רעדוקציע פון צוויי פראצענט אין דער קאנאדער געבורט ראטע אין פארלויף פון די ערשטע זיבן מאנאטן פון היינטיקן יאר ווערט געוויזן אין א פרעלימינארן באריכט פון דער קאנאדער סטאטיסטישער ביורא פון שטעט מיט א באפעלקערונג פון צען טויזנט און מער.

ביז סוף יולי זיינען בסך הכל געבארן געווארן 50,851 קינדער אין פארגלייך מיט 52,057 פאר דעם זעלבן פעריאד פון לעצטן יאר.

--

איבערראשנדע נייעס איבערראשנדע נייעס
לשמוע אל הרנה ואל התפלה
צוליב די שלעכטע צייטן וואס מיר לעבן איבער, קאנען מיר מיט פארגעניגן לאזן וויסן די וויניפעגער אידן, אז מיר האבן אראנזשירט צו דאווענען די קומענדע ימים נוראים
אין שטיימאנס האל
צו די ביליקסטע פרייזן
מיר לאזן אויך וויסן אלע אידן, אז אונזער אלעמענס באוואוסטער און באליבטער
חזן און הרב ר' שמואל פרידמאן
וועט דאווענען מוספים
קומט הערן די ערשטע סליחות, איר וועט אלע איבערראשט ווערן.
טיקעטס צו באקומען אין שטיימאנס האל יעדן אוונט פון 7 ביז שפעט אין אוונט.
סליחות פריי

א זעלטענע געלעגנהייט !
נוצט אוים די געלעגנהייט און האט א ריינעם טלית פאר יום טוב
פאר היינטיקער וואך וועלן מיר אויסקלינען אייער טלית
$1.00 פריי מיט יעדן מענס סוט דריי קלינד און געפרעסט
קליינע ריפעירס פריי
אין 24 שטונדן קאנען מיר מאכן אייער סוט אויסזעען אזוי שיין פונקט ווי ווען ער איז געווען ניי. פארשטייט זיך, מיר וועלן קומען נאך אים און ברייננגען צוריק צו אייך. לאזט אונז אייך שפארן געלט אויף אייער דריי קלינינג און דייאינג.
אייער טלית קלינען מיר פריי
אלץ וואס איר דארפט טאן איז טעלעפאנירן 89 304 (3 ליינס)
UNITED DYERS & CLEANERS LIMITED
593 Notre Dame Ave. Phone 89 304

סייל פאסטערס
געמאכט
אין 24 שעה
שיין און צוציענד
ביי
„דאס אידישע ווארט"
מיר האבן אן אויסוואל פון הונדערטער קאטס פון די לעצטע צייכענונגען צו באצירן די פאסטערס
מיר טוען די גאנצע ארבעט
שיקט אונז בלויז אריין די פרייזן פון די ארטיקלען וועלכע איר ווילט ארויסשטעלן אויפן סייל — און מיר טוען שוין פאר אייך דאס איבעריקע
שרייבט אין וועלכער שפראך איר ווילט צו
THE ISRAELITE PRESS LIMITED
165 Selkirk Ave. Phones: 52 213 - 55 409